פרשת ויצא ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קכ"ט

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש



א בר אבטח
ה שבת קודש
ח נקודה למחשבה


## בר אבטח

## הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל;

דער רבוש"ע זאָרגט זיך פאַר יעדן איד שטענדיג

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ס"ב, יום ראשון פרשת ואתחנן, ה' מנחם אב תש"פ

**חלק ב'**

א

# על כפים ישאונך; דער גוטער באַשעפער טראָגט אונז יעדע רגע מיט ליבשאַפט

**אותיות מחכימות** — חובת הלבבות שער הבטחון פרק שני

וְהַשֵּׁנִית, שֶׁיִּהְיֶה יוֹדֵעַ בּוֹ עִם אַהֲבָתוֹ, שֶׁאֵינֶנּוּ מִתְעַלֵּם מִמֶּנּוּ וְלֹא מִתְעַצֵּל בְּחֶפְצוֹ אֲבָל הוּא יוֹדֵעַ בּוֹ שֶׁהוּא מִשְׁתַּדֵּל וּמַסְכִּים לַעֲשׂוֹתוֹ. כִּי אִם לֹא יִתְבָּרֵר לוֹ מִמֶּנּוּ כָּל זֶה, לֹא יִהְיֶה בִּטְחוֹנוֹ עָלָיו שָׁלֵם, מִפְּנֵי שֶׁהוּא יוֹדֵעַ הִתְעַלְּמוּתוֹ וְרִפְיוֹנוֹ בְּחֶפְצוֹ.

וְכַאֲשֶׁר יִתְקַבְּצוּ לַבּוֹטֵחַ מִמִּי שֶׁבָּטַח בּוֹ שְׁתֵּי מִדּוֹת אֵלֶּה: גֹּדֶל רַחֲמָנוּתוֹ עָלָיו, וְרֹב הַשְׁגָּחָתוֹ עַל עִנְיָנָיו, יִבְטַח בּוֹ מִבְּלִי סָפֵק.

### השי"ת קוקט אויף דיר מיט ליבשאַפט אַלעמאָל

ס'איז דאָ אַ לשון פון דעם **בעש"ט הק'** אין צוואת הריב"ש (יח, א): **ויהיה תמיד בשמחה** - אַ איד דאַרף אַלעמאָל זיין בשמחה. **ויחשוב ויאמין באמונה שלמה שהשכינה אצלו ושומרת אותו** - ער זאָל שטענדיג טראַכטן און גלייבן באמונה שלימה אַז די שכינה הק' איז מיט אים און אַז דער רבוש"ע היט אים אָפּ. **והוא מסתכל על הבורא יתברך שמו והבורא יתברך שמו מסתכל בו** - שטעל זיך פאר אז כביכול דו קוקסט ארויף צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער קוקט דיר אין די אויגן אַריין, ווייל ער וויל דיר אפהיטן און ער זארגט זיך פאר דיר.

ווען אַ מענטש דרימלט זענען זיינע אויגן פאַרמאַכט, אָבער ביים רבוש"ע איז פאַרקערט, נישט בלויז איז ער 'לא ינום ולא יישן', נאָר **ער קוקט דיר אַריין אין פנים מיט אַזאַ אהבה!** ער טראַכט אַלעמאָל וועגן דיר: "וואָס קוועטשט פאר דעם איד? וויאַזוי קען מען אים יעצט מהנה זיין? וויאַזוי קען איך אים מאַכן בעסער?". דאָס איז אַזאַ סאָרט בליק וואָס איז **אָנגעפולט מיט חמלה און רחמנות.**

אָט די עיני ה' קוקן אויף דיר אַגאַנצן צייט, 24 שעה פונעם טאָג, מיט אַ געוואַלדיגע ליבשאַפט און זאָרג! דער פּראָבלעם איז נאָר, אַז מיר דערהערן דאָס נישט ריכטיג, ווייל אויף אונזער שפּראַך, ווען מ'זאָגט אויף איינעם אַז ער זארגט זיך אַלעמאָל פאר מיר, מיינט דאָס אַז למעשה איז ער אויך פאַרנומען מיט נאָך אַסאַך אַנדערע ענינים. **אַ בשר ודם קען דאָך נישט אַוועקגעבן זיין גאַנצע מח און כח נאר אויף איין זאַך.** ער האָט נאָך צרכים וואָס ער דאַרף אינזין האָבן. אָבער דער רבוש"ע איז אַ 'כל יכול'! ביי אים איז יאָ דאָ דער מושג אַז **ער קען זיין אַגאַנצן צייט פאַרנומען נאר מיט יעדן יחיד!** ער איז משגיח און האָט אינזין בלויז דיר, כאילו ס'וואָלט נישט געווען קיין שום אַנדערע זאַך אויף דער וועלט!

### וויאַזוי קען זיין אַז איך זע נישט די השגחה?

צומאָל ווען מ'הערט אַזעלכע ווערטער, כאַפּט זיך אַריין אַ באַהאַלטענע מחשבה'לע, וואָס מען שעמט זיך אַרויסצוזאָגן: אויב דער אויבערשטער קוקט טאַקע אויף מיר מיט אַזאַ חמלה אַגאַנצן צייט, דעמאָלט וויאַזוי קען זיין אַז איך גיי דורך אַזויפיל שוועריגקייטן?

אודאי ווייסן מיר נישט די אַלע חשבונות פון הימל, און ס'איז זיכער אַז דער רבוש"ע איז טוב ומטיב אַלעמאָל, אָבער ווען אַ איד פרעגט אַזאַ קשיא, **דאַרף דאָס ביי אים מעורר זיין אַן אייגענעם חשבון הנפש.** ער זאָל אָנהויבן כאַפּן אַז ביז יעצט האָט ער פאַרגעסן אַז דער רבוש"ע זאָרגט זיך פאַר אים אַגאַנצן צייט. ווייל דער כלל איז: וויפיל מער מען געדענקט אַז השי"ת זאָרגט זיך פאַר אונז אַלעמאָל, אַזויפיל מער וועט מען באַקומען אָפענע שפע און השפעות טובות.

### ווען דער טאַטע טראָגט אויפ'ן אַקסל און מ'פרעגט קשיות

אָט דער יסוד שטייט אין **אור החיים הק'** אויפ'ן פסוק (דברים א, לב): **ובדבר הזה אינכם מאמינים בה' אלוקיכם.** דער אור החיים הק' ברענגט דאָרט וואָס עס שטייט אין **חז"ל** אַז עמלק איז געקומען ווייל אידן האָבן געפרעגט 'היש ה' בקרבנו אם אין'. דער מדרש זאָגט אַ משל צו אַ קינד וואָס זיין טאַטע האָט אים געטראָגן אויף די אַקסל. און ווען דאָס קינד האָט געזען זיין טאַטע'ס חבר האָט ער אים געפרעגט: **ראית את אבא?** - האסט ערגעץ געזען מיין פאָטער? איז דער טאַטע געוואָרן זייער בצער פון דער שאלה, זאָגנדיג: **אתה רוכב על כתפי ואתה שואל עלי?! הרינו משליכך ויבא השונא וישלוט בך.** - דו ביסט דאך אויף מיין אַקסל, און דו פרעגסט וואו איך בין? וועל איך דיר אַראָפּוואַרפן, און דעמאָלט וועסטו שוין זען אַז דו ביסט געווען אויף מיין אַקסל. **כך אמר הקב"ה לישראל: אני נשאתי אתכם על ענני כבוד ואתם אומרים היש ה' בקרבנו?! לפיכך יבוא השונא וישלוט בכם, הוי ויבא עמלק.**

### פאַרגעס נישט די ענדלאָזע טובות און חסדי ה'

זאָגט דער אור החיים הק' אַ מורא'דיגער פשט, וואָס איז נוגע פאר יעדן איד אין יעדן מצב. אַלעמאָל ווען אַ מענטש ווערט צערודערט אַז ס'קומט אים נישט די שפע וואָס ער וויל האָבן, **זאָל ער צוערשט לערנען דעם שטיקל אור החיים הק'** און כאַפּן אַז משה רבינו

### ◄ אותיות מחכימות ►
אור החיים הק׳, דברים א, לב

וּבַדָּבָר הַזֶּה אֵינְכֶם מַאֲמִינִם בַּה׳ אֱלֹקֵיכֶם. צָרִיךְ לָדַעַת כַּוָּנַת אוֹמְרוֹ וּבַדָּבָר הַזֶּה, וְרַשִׁ״י זַ״ל פֵּרֵשׁ עַל הַבְטָחַת בִּיאַת הָאָרֶץ הוּא מְדַבֵּר. וְאֵין נִרְאֶה כֵּן, אֶלָּא כִּפְשַׁט הַכָּתוּב שֶׁעַל נִסֵּי מִדְבָּר הוּא אֲשֶׁר נְשָׂאֲם ה׳ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא אִישׁ אֶת בְּנוֹ, שֶׁגַּם בַּדָּבָר הַזֶּה אֵינָם מַאֲמִינִים, וְזֶה לְךָ הָאוֹת אוֹמְרוֹ (שמות יז, ז) הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, וּכְמָשָׁל שֶׁהֵבִיא בַּזֹּהַר (אצלנו בשמו״ר כ״ו) עַל אָב שֶׁנָּשָׂא בְּנוֹ עַל כְּתֵפוֹ פָּגְעוּ בְּאָדָם אֶחָד וְהָיָה הַבֵּן שׁוֹאֲלוֹ עַל אָבִיו וְכוּ׳ כְּמוֹ כֵן יִשְׂרָאֵל עִם ה׳ בָּרוּךְ הוּא, וְהוּא מַה שֶּׁנִּתְכַּוֵּן בְּמַאֲמָר וּבַדָּבָר הַזֶּה וְגוֹ׳ אֵינְכֶם מַאֲמִינִם בַּה׳ אֱלֹקֵיכֶם שֶׁהוּא הַנּוֹשֵׂא אֶתְכֶם וגו׳, וְאוֹמֵר הַהֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם בַּדֶּרֶךְ לָתוּר לָכֶם מָקוֹם וגו׳, מוֹסִיף לְהַפְלִיא פְּרָטֵי הַדְּבָרִים שֶׁבָּהֶם יִתְחַיְּבוּ לְהַכִּיר וּלְהַאֲמִין בַּה׳.

רעדט דאָ צו אים!

משה רבינו זאָגט פאר אידן: ובדבר הזה אינכם מאמינים בה׳ אלוקיכם - ׳ובדבר הזה׳ מיינט די אַלע חסדים וואָס השי״ת האָט געטון פאַר אידישע קינדער אין מדבר. **ווען אידן האָבן זיך געטראָפן אין אַ קליינע פּראָבלעם, האָבן זיי פּלוצים נישט געדענקט די געוואַלדיגע נסים** וויאַזוי דער רבוש״ע האָט זיי געטראָגן ווי אַ טאַטע טראָגט זיין קינד.

דו וואונדערסט זיך פאַרוואָס ס׳קומט נישט קיין שפע? נעכטן און היינט האָט דיר דער רבוש״ע געגעבן לעבן, עסן, געזונט. ער האָט דיר מסדר געווען אַלע דיינע באַדערפענישן מיט אַזויפיל רחמנות. און יעצט ווען ס׳קומט דיר אונטער אַ שוועריגקייט, (וואָס דאָס איז אויך מסתם געקומען ווייל דו האסט אַביסל פאַרגעסן פון השי״ת), און ס׳גייט דיר נישט פּונקטליך וויאַזוי דו ווילסט, **האָסטו פּלוצים פאַרגעסן פון השי״ת,** האסט אָנגעהויבן זאָגן אַז דער רבוש״ע זעט דיך נישט... **דו געפינסט זיך אַגאַנצן צייט אויף מיין אַקסל און דו גלייבסט נישט אַז איך בין דאָ?!** אויב אַזוי וועל איך אַביסל מסתיר פּנים זיין עטוואָס מער, אַז דו זאָלסט דערהערן וויפיל איך האָב דיך ביז יעצט אָפּגעהיטן פון אַלעם בייזן.

## אַ דינע געפיל פון ׳היש ה׳ בקרבנו׳

ס׳הערט זיך אַביסל שאַרף אָבער מ׳דאַרף עס לערנען ווייל דאָס איז דער אמת. צומאָל געפינט זיך דער מענטש אין אַ צרה, און ער דאַוונט אפילו דערויף, **אָבער בשעת׳ן דאַווענען האָט ער אַ שטיקל טינא בלב,** מיט אַ געפיל פון ׳היש ה׳ בקרבנו אם אין׳. ער וואונדערט זיך שטילערהייט: ״וואו איז דער אויבערשטער? איך מוז אים דערמאַנען וועגן מיין צרה״...

ער זאָגט עס נישט אַרויס מיט אַזאַ פאַרביטערטע שפּראַך ווי די כופרים האָבן געפרעגט: ״היכן היה אלקים בשואה״... חס ושלום. ער רעדט נישט אַזוי, אָבער טיף אין האַרץ טראַכט ער: **״איך האָב דאך געטון די מצוה, כ׳האָב געטון די סגולה״...** פאַרשטענדליך אַז פון זיינע עבירות פאַרגעסט ער יעצט. ער דערמאַנט זיך אַלע תורות פון חסידי׳ישע ספרים אַז מ׳טאָר נישט טראַכטן פון עבירות... יעצט טראַכט ער נאר פון די גוטע זאַכן וואָס ער האָט געטון, און ער וואונדערט זיך: **וויאַזוי קען זיין אַז כ׳דאַרף זיך אַזוי מוטשען?** כ׳האָב דאך געדאַוונט און דאָך פּלאָג איך זיך?

## השי״ת לאָזט דיר נישט איבער קיין סעקונדע

דערפאַר זאָגט דער פּסוק: ובדבר הזה אינכם מאמינים. דו דרייסט זיך אַרום מיט אַזעלכע מחשבות, **בשעת וואָס דער רבוש״ע טראָגט דיך אויף זיינע פּלייצעס כביכול!** זיי זיך מתבונן וויפיל ניסים ער טוט מיט דיר, אין דעם יעצטיגן מאָמענט. דו לעבסט, דו קענסט אָנגיין, ער העלפט דיר אויף טריט און שריט. **ווען דו זאָגסט די ברכה פון ׳אשר יצר׳ וואָלסטו געדאַרפט שפּרינגען פון שמחה און הכרת הטוב** פאַר די טובה וואָס השי״ת האָט דיר געטון. דאָס איז בלויז איין ביישפּיל פון טויזנטער אַנדערע חסדים וואָס ער באַגיסט דיר אַגאַנצן צייט. **בלויז דעם היינטיגן טאָג האָסטו באַקומען אַזויפיל ענדלאָזע טובות!** אָבער וויבאַלד איין זאַך איז דיר נישט געגאַנגען ווי ס׳דאַרף צו זיין, ביסטו געוואָרן פאַרביטערט: ״וויאַזוי קען דאָס זיין? פאַרוואָס איז דער רבוש״ע נישט משגיח אויף מיר, כ׳בין דאך אַזאַ גוטער איד?״...

אַזעלכע סאָרט מחשבות קען חלילה גורם זיין אַז דער רבוש״ע זאל מסתיר פּנים זיין, נישט ווייל ער וויל דיר ח״ו מעניש זיין, **נאר ווייל דו האסט נישט געדענקט אַז דו ביסט אויפ׳ן טאַטנ׳ס אַקסל.** אַצינד דאַרף דער מענטש דורכגיין אַ שטיקל שוועריגקייט, כדי זיך צו דערמאַנען אַז דער רבוש״ע האָט אים ביז יעצט אָפּגעהיטן.

דער אור החיים הק׳ לערנט אונז אַז ווען אַ איד זאָגט: ״איך שפּיר נישט אַז השי״ת קוקט און זאָרגט זיך פאר מיר, איך מוטשע זיך שוין אַ לענגערע צייט און ס׳רירט זיך גאָרנישט״, זאָל ער זיך מתבונן זיין אַז **אפשר איז דאָס געקומען טאַקע צוליב די מחשבה פון ׳היש ה׳ בקרבנו אם אין׳.** אודאי קען מען נישט זאָגן אַז דאָס איז אַלעמאָל די סיבה פון די יסורים, אָבער **צומאָל קען דאָס זיין אַ גורם,** ווען דער מענטש האָט פאַרגעסן אַז ער געפינט זיך אויף די פּלייצעס פונעם טאַטן און דעריבער דאַרף מען אים דאָס דערמאַנען.

## זיך דערמאַנען און חזר׳ן די רחמי השי״ת

וואָס איז די עצה ווען מ׳טרעפט זיך אין אַזאַ מצב? אַז מ׳זאָל טראַכטן פּונקט פאַרקערטע מחשבות! ווי די פּסוקים זאָגן דאָרט פאר אידישע קינדער אין מדבר, אַז זיי זאָלן זיך מתבונן זיין אין די אַלע חסדים פון השי״ת: **וּבַמִּדְבָּר הַזֶּה אֲשֶׁר רָאִיתָ, אֲשֶׁר נְשָׂאֲךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא אִישׁ אֶת בְּנוֹ, בְּכָל הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הֲלַכְתֶּם וכו׳. הַהֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם בַּדֶּרֶךְ לָתוּר לָכֶם מָקוֹם לַחֲנֹתְכֶם בָּאֵשׁ לַיְלָה לַרְאֹתְכֶם בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר תֵּלְכוּ בָהּ וּבֶעָנָן יוֹמָם.**

די תורה הק׳ זאָגט פאַר׳ן מענטש: דו מוטשסט זיך טאַקע מיט אַ געוויסע ענין, **אָבער קוק זיך אַרום אויף די אַלע אַנדערע טויזנטער חסדים וואָס השי״ת גיבט דיר אומאויפהערליך.** ווען דו וועסט אַריינטראַכטן וויפיל טובות דו באַקומסט יעדע רגע, וועסטו פאַרשטיין אַז דער רבוש״ע איז ׳לא ינום ולא יישן׳, **ער פאַרגעסט נישט פון דיר קיין רגע.** זאל השי״ת אָפּהיטן וויאַזוי מיר וואָלטן אויסגעקוקט אויב ס׳וואָלט חלילה געווען אַ מציאות פון ׳ינום ויישן׳ אפילו פאר איין סעקונדע...

אויב אַזוי, פאַרשטיי אַז ס׳איז זיכער אַלעס לטובה. געדענק שטענדיג דעם כלל: **ס׳איז מעגליך אַז דאָס האָט פּאַסירט ווייל ׳איך׳ האָב אַביסל פאַרגעסן, אָבער דאָס איז זיכער אַז דער רבוש״ע האָט נישט פאַרגעסן פון מיר קיינמאָל.** איך האָב אַ רואיגע געפיל ווייל דער רבוש״ע פירט מיר אַריבער יעדן סאָרט מצב מיט אַ געוואַלדיגע חמלה און ליבשאַפט. ער גיבט זיך אָפּ מיט מיר, ער קוקט אויף מיר, ער זאָרגט זיך פאר מיר, און ער העלפט אַז כ׳זאָל קענען אַלעס דורכגיין מיט הצלחה.

ב

# שויתי ה׳ לנגדי תמיד; אויב דו לעבסט, האָט דיר השי״ת אינזין יעדע רגע

## די רחמי ה׳ אפילו נאָכ׳ן זינדיגן

און מ׳דאַרף דאָ צולייגן אַ וויכטיגע נקודה וואָס מענטשן זענען זיך אַסאַך טועה דערינען: צומאָל איז אַ איד חלילה דורכגעפאַלן מיט אן עבירה, און ער ווייסט גוט אַז ס׳קומט אים יעצט אַ פּאַטש, ווייל ער האָט געטון אַן עוולה. אויב אַזוי שפּירט ער: **וויאַזוי קען איך טראַכטן אַז דער רבוש״ע קוקט אויף מיר?** דער אויבערשטער וויל מיר זיכער נישט אָנקוקן יעצט, ער איז זיך מתעלם פון מיר ווייל איך האָב דאָך געזינדיגט...

דער תירוץ דערויף שטייט אין ספה״ק **מאור עינים** (פרשת יתרו), אַז מ׳זאָל זיך מאַכן דעם חשבון: **איך לעב יעצט?** אויב אַזוי מוז זיין אַז דער רבוש״ע גיבט מיר חיות אין דער יעצטיגער מינוט, **טראָצדעם וואָס איך האָב געטון אַן עוולה!**

מ׳דאַרף זיך טאַקע שעמען מיט דער עבירה, אָבער **במציאות גיבט דיר השי״ת לעבן.** און נישט בלויז לעבן, נאר דו ביסט אויך געזונט און דו ביסט אַרומגענומען מיט אַזויפיל סאָרט נסים. דאָס באַדייט אַז דער רבוש״ע גיבט זיך אָפּ מיט דיר. **ער איז געבליבן קוקן אויף דיר, מיט אַ רחמנות׳דיגער בליק, אפילו נאָכ׳ן דורכפאַלן מיט עבירות!** דו מוטשעסט זיך טאַקע מיט דיינע ספּעציפישע שוועריגקייטן, דו גייסט טאַקע דורך אַ גרויסער צער, אָבער **אויסער די ענגשאַפט ביסטו דאָך אַרומגענומען מיט אַזויפיל אַנדערע גוטע חסדים,** ווייל השי״ת קוקט אַגאַנצן צייט אויף דיר, מיט אהבה און חמלה.

## דיין לעבן איז אַ סימן אַז השי״ת פאַרלאָזט דיר נישט

דער מאור עינים זאָגט אַז אפילו ווען אַ מענטש איז שטאַרק אַראָפּגעפאַלן פון זיין מדריגה, זאָל ער ווייטער גלייבן און דאַווענען, **ווייל השי״ת האָט נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון דיר אפילו אויף אַ סעקונדע!** ער קוקט אויף דיר, און דאגה׳ט פאַר דיר, אויך אין דעם יעצטיגן מצב. אויב דו שעמסט זיך, טו תשובה, אָבער דריי זיך נישט אַוועק, קוק צוריק אויף אים.

אַ מענטש האָט אַמאָל געטון אן עבירה און ער שפּירט כאילו דער רבוש״ע האָט יעצט אויפגעהערט משגיח זיין אויף אים פאר אַביסל, ווייל ״עס קומט זיך מיר״... **אויב דאָס וואָלט געווען אמת, וואָלסטו נישט יעצט געלעבט!** וואָלסט נישט בלויז געליטן פון די עטליכע זאַכן וואָס דו מוטשעסט זיך יעצט, געלט אָדער אַנדערע פּרשה׳לעך, נאר דיין גאַנצע מציאות וואָלט צאַמגעפאַלן אין אַ תהו ובהו. **אלא מאי, איז אַ**

**קלאָרע באַווייז אַז דער רבוש"ע קוקט ווייטער אויף דיר מיט אַ געוואַלדיגע רחמנות!**

## דער טאַטע רירט זיך נישט אַוועק פונעם באַנק

דער באַקאַנטער מגיד הרב **אברהם מרדכי מלאך** שליט"א דערציילט אַ מעשה, אָדער אַ משל, פון אַ בחור'ל וואָס איז ליידער אַוועקגעלאָפן מיט שלעכטע חברים אין אַ דירה אין תל אביב. וואָס האָט דער טאַטע געטון? ער האָט גענומען זיין טלית ותפילין, מיט זיינע בעט געוואַנט, און ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער באַנק קעגן איבער די דירה וואו דאָס קינד האָט זיך געפינען.

דער פאָטער האָט אָנגערופן דאָס קינד און אים געזאָגט: "זאָלסט נאר וויסן, אַז איך זיץ דאָ אינדרויסן, און איך וואַרט אַז דו זאָלסט צוריקקומען". דאָס קינד האָט געענטפערט מיט חוצפּה: "טאַטע, ס'איז אַ שאָד דיין צייט, איך גיי סיוועי בלייבן דאָ"... אָבער דער טאַטע איז געבליבן רואיג: "איך פאָדער גאָרנישט פון דיר, איך וועל זיצן דאָ נעבן דיר ביז דו קומסט אַהיים. איך גיי דיך נישט איבערלאָזן. כ'וועל דאָ עסן און שלאָפן און זיך נישט אַוועקרירן"...

צוערשט האָט דאָס קינד זיך גע'עקש'נט, אָבער **יעדעס מאָל ווען ער האָט אַרויסגעבליקט פון פענסטער, האָט אים געריסן ביים האַרץ** זעענדיג ווי זיין טאַטע זיצט דאָרט אויפ'ן באַנק און וואַרט אויף אים. וויפיל ער האָט געוואָלט אַז זיין טאַטע זאל אַוועקגיין האָט גאָרנישט געהאָלפן. די ענדע פון דער מעשה איז געווען אַז זעענדיג דאָס ליבשאַפט פון זיין פאָטער, האָט דאָס קינד זיך ענדליך געבראָכן. זיין אהבה איז נתעורר געוואָרן און ער איז צוריק אַהיימגעקומען.

## מיר האָבן מורא צו געדענקן וויפיל השי"ת קוקט אויף אונז

ווען אַ איד זאל דערהערן דעם אמת, אַז **דער רבוש"ע זיצט כביכול און וואַרט אויף דיר, אפילו ווען דו האסט געזינדיגט,** וואָלט מען פולקאָם תשובה געטון! די פּראָבלעם איז נאָר אַז מיר האָבן מורא אַזוי צו טראַכטן. ווייל ס'איז נישט אַלעמאָל באַקוועם צו לעבן מיט דער מחשבה.

דער מענטש וויל זיך אַביסל פאַרהוילן פון דעם פאַקט אַז 'הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל'. ער טראַכט צו זיך: "איך וואָלט נישט געוואָלט אַז השי"ת זאָל מיר קוקן אין פּנים אַריין, כ'וויל יעצט עסן אויף אַלע באַקן... כ'וויל זיך יעצט פאַרלאָזן אויף עפּעס אַ קולא... כ'וויל זיך אַביסל מגשם זיין..." שפּעטער האָט דער מענטש טענות: "נו, וואו איז דער אויבערשטער? איך טרעף אים נישט... אָבער דער רבוש"ע זאָגט אים: **איך בין דאָ אַגאַנצן צייט, איך קוק אויף דיר מיט אַ חמלה ואהבה!**

## 'שויתי ה' - אפילו ווען ס'איז 'לנגדי'

דער מאור עינים זאָגט דאָרט פּשט אין דעם פּסוק: 'שויתי ה' לנגדי תמיד'. **אפילו ווען דער מענטש טוט עפּעס וואָס איז 'לנגדי' - קעגן דעם אויבערשטן ח"ו, בלייבט אָבער אַלעמאָל 'שויתי ה'!** דאָס איז די גאַנצע 'עיקר קבלת התורה' און די 'עיקר הנהגה ישראלית', צו געדענקן אַז יעדער איד איז אַלעמאָל נאָנט צום רבוש"ע אפילו נאָכ'ן זינדיגן חלילה. ס'וועט אים גאָרנישט העלפן...

וואָס פּאַסירט אָבער? מיר זענען געמאַכט פון בשר ודם און דעריבער פאַרגעסן מיר אַז דער רבוש"ע איז שטענדיג משגיח אויף אונז. דעריבער ווען אַ מענטש קומט מיט דער שאלה: "איך שפּיר נישט אַז השי"ת זעט מיין מצב"... **זאָל ער זיך צוערשט דערמאַנען דעם פּשוט'ן מציאות, אַז השי"ת איז משגיח אויף דיר יעדע מינוט.** ווי דער **רמ"א** זאָגט אין דעם ערשטן סעיף פון שלחן ערוך, אַז מ'זאָל זיך אָנטון די קליידער בצניעות ווייל דער רבוש"ע קוקט אויף דיר אַגאַנצן צייט, און מ'דאַרף זיך אויפפירן מיט אַ יראה, ווי עס פּאַסט זיך ווען מ'שטייט פאר אַ מלך.

לאָמיר געדענקן אַז **דער רבוש"ע קוקט אויף יעדן איד אַלעמאָל,** ווייל ער וויל אונז צושטעלן אונזער שפע. אפילו אויב דו האסט פאַרמאַכט די טיר, אפילו אויב דו ביסט אַוועקגעלאָפן און געטון אן עבירה, **האָט דער רבוש"ע דיך ווייטער געדענקט בשעת מעשה!** דער רבוש"ע וויל דיך ווייטער העלפן און ער גייט דיך ווייטער העלפן. ער איז אַגאַנצן צייט דאָ נעבן דיר, והא ראי' אַז דו לעבסט נאָך.

## נישטאָ קיין רגע אָן סייעתא דשמיא

דער **אור החיים הק'** (פרשת משפטים) זאָגט אַ הייליגע לשון: **שאין לך שעה ורגע שאין ה' עושה פעולה עם האדם, בין בבחינת גופו בין בבחינת צרכיו.** - ס'איז נישטאָ קיין סעקונדע וואָס דער רבוש"ע העלפט נישט דעם מענטש, סיי מיט'ן גוף און סיי מיט אַלע זיינע געברויכן. ווילאַנג דער מענטש לעבט און זיין גוף אַרבעט, איז ער אַרומגענומען מיט נסים ונפלאות אויף טריט און שריט, אָפּגעזען צי ער האָט יאָ געטון אן עבירה צי נישט. הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל.

אויב דער מענטש שפּירט אַז דער רבוש"ע האָט אים אָפּגעלאָזט, זאָל ער פאַרשטיין אַז: **בסך הכל האָסטו פאַרגעסן פון דעם 'הנה לא ינום ולא יישן'.** דו ביסט אַוועקגעגאַנגען פון דעם אמת, סיי ווייל דו האסט נישט געהעריג די כלים צו דערהערן אַז איינער האָט דיך אינזין שטענדיג אָן אויפהער, און סיי ווייל טיף אינעווייניג ביסטו אומבאַקוועם דאָס צו געדענקן אַלעמאָל. דערפאַר ביסטו אַוועקגעלאָפן און צוליב דעם שפּירסטו אַ הסתר פּנים. **דערמאַן זיך יאָ דערפון,** זיי זיך מתבונן דערינען, דעמאָלט וועסטו צוביסלעך שפּירן די עיני ה'.

דוד המלך זאָגט (תהלים לד, טז) 'עיני ה' אל צדיקים'. די צדיקים האָבן אַ ספּעציעלע השגחה, **ווייל זיי זענען מקיים דעם 'עיני כל אליך ישברו'.** - וויפיל מער אַ מענטש איז זיך מתבונן און לעבט מיט דער ידיעה אַז השי"ת קוקט אויף אים, **ווערט ער טאַקע זען די השגחת ה' אָפּענערהייט.** ווי דער באַקאַנטער כלל פון 'ה' צלך', און ווי דער מדרש זאָגט אויפ'ן פּסוק אין פרשת שמות 'אקי' אשר אקי' אַז וויאַזוי דו וועסט זיין מיט'ן באַשעפער וועט ער זיין מיט דיר.



ספה"ק מאור עינים פרשת יתרו

וְהִנֵּה צָרִיךְ הָאָדָם שֶׁגַּם בְּנָפְלוֹ מִמַּדְרֵגָתוֹ יִתְאַמֵּץ לַעֲלוֹת אֶל ה' בְּאוֹתוֹ מַדְרֵגָה שֶׁהוּא עַכְשָׁו וְכוּ', וְזֶה הוּא עִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה שֶׁקִּבְּלוּ יִשְׂרָאֵל, וְלָכֵן הִתְפָּאֵר הַשֵּׁי"ת בָּזֶה מְאוֹד שֶׁקִּבְּלוּ הַתּוֹרָה בְּגֹדֶל הָאֱמֶת, וְהִשִּׂיגוּ הָאֱמֶת שֶׁלְּעוֹלָם יִהְיוּ דְּבוּקִים בְּהַשֵּׁי"ת וְלֹא יִפָּרְדוּ מִמֶּנּוּ אַף בְּנָפְלָם מִמַּדְרֵגָתָם, וְזֶהוּ עִקַּר הַהִלּוּךְ וְהַהַנְהָגָה יִשְׂרְאֵלִית, וּבָזֶה צָרִיךְ לְהַלֵּךְ.

וּבַמֶּה יָבוֹא לְהַשֵּׁי"ת כְּשֶׁנָּפַל מִמַּדְרֵגָתוֹ, שֶׁהֲרֵי נִטַּל מִמֶּנּוּ הַמּוֹחִין וְהַדַּעַת? אַךְ שֶׁהַשֵּׁי"ת הוּא מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דְּהַיְנוּ אֲפִלּוּ בְּמָקוֹם שֶׁהוּא כָּל הָאָרֶץ, שֶׁכֻּלּוֹ אַרְצִיּוּת, שֶׁהוּא רַק חֹמֶר עָב, אעפ"כ הוּא מָלֵא כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְהִנֵּה הַשֵּׁי"ת נִקְרָא חַיֵּי הַחַיִּים, דְּהַיְנוּ שֶׁכָּל הַחַיִּים שֶׁבָּעוֹלָם בְּהֵמוֹת חַיּוֹת וְעוֹפוֹת וּמִין הָאָדָם, הַחִיּוּת שֶׁלָּהֶם הוּא הַשֵּׁי"ת, וְזֶהוּ חַי הַחַיִּים, שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ הַחִיּוּת שֶׁל כָּל הַחַיִּים, וְיַחֲשֹׁב כְּשֶׁנָּפַל מִמַּדְרֵגָתוֹ: הֲלֹא חַי אֲנִי, וּמִי הוּא הַחִיּוּת שֶׁלִּי, הֲלֹא הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, וְנִמְצָא שֶׁיֵּשׁ כָּאן גַּם כֵּן הוּא יִתְבָּרַךְ, אַךְ שֶׁהוּא מְצֻמְצָם מְאוֹד.

וְזֶהוּ וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם וגו', כִּי אֱלֹקִים בְּכָל מָקוֹם הוּא דִּין וְצִמְצוּם וְזֶהוּ וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם דְּהַיְנוּ אֲפִלּוּ כְּשֶׁהוּא מְצֻמְצָם אֶצְלֵיכֶם כְּשֶׁנְּפַלְתֶּם מִמַּדְרֵגַתְכֶם, אַף עַל פִּי כֵן אַתֶּם דְּבֵקִים בַּה' יִתְבָּרַךְ בְּאֶמְצָעוּת כִּי הֲלֹא 'חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם', וּמִי הוּא הַחִיּוּת שֶׁלָּכֶם הֲלֹא הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ.

וְזֶהוּ מַאֲמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד (תהלים טז, ח), רָצָה לוֹמַר שֶׁהָיָה שָׁוֶה אֶצְלוֹ הוי"ה דְּהַיְנוּ כְּשֶׁאֲנִי דָּבוּק בְּהַשֵּׁי"ת בְּמוֹחִין בְּהִירִים, וּלְנֶגְדִּי הוּא לָשׁוֹן נֶגְדִּיּוֹת, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁנָּפַלְתִּי מִמַּדְרֵגָתִי, הַכֹּל הָיָה שָׁוֶה אֶצְלִי, שֶׁהָיָה דָּבוּק בְּהַשֵּׁי"ת גַּם בְּעֵת נָפְלוֹ. וְזֶהוּ שֶׁאָמַר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה (קהלת ז, י) 'אַל תֹּאמַר מֶה הָיָה שֶׁהַיָּמִים הָרִאשֹׁנִים הָיוּ טוֹבִים מֵאֵלֶּה כִּי לֹא מֵחָכְמָה שָׁאַלְתָּ עַל זֹאת', רָצָה לוֹמַר שֶׁיֵּשׁ שׁוֹטִים שֶׁבְּנָפְלָם מִמַּדְרֵגָתָם שׁוֹכְבִים לֶעָפָר וְאֵינָם עוֹלִים שׁוּב אֶל הַשֵּׁי"ת, וְזֶהוּ 'אַל תֹּאמַר שֶׁהַיָּמִים הָרִאשֹׁנִים הָיוּ טוֹבִים מֵאֵלֶּה', דְּהַיְנוּ שֶׁאָז הָיִיתִי עוֹבֵד הַשֵּׁי"ת וְעַכְשָׁו נָפַלְתִּי מִמַּדְרֵגָתִי, אַל תֹּאמַר כֵּן, כִּי לֹא מֵחָכְמָה שָׁאַלְתָּ עַל זֹאת.

ג

# השלך על ה' יהבך; איך קען זיין רואיג, ווייל איינער זאָרגט זיך פאר מיר אויף טריט און שריט

## מ'באַקומט חסדים אַלץ אַ דערמאַנונג אויף להבא

נאָך אַ יסוד נפלא שטייט אין ספה"ק **קדושת לוי,** וואָס ער איז פון אונזערע גרויסע רבי'ס אין דער סוגיא פון בטחון. דער הייליגער קדושת לוי זאָגט אין פרשת וירא, אַז אַמאָל גיבט השי"ת פאַר'ן מענטש אַ ישועה אין

אַ געוויסע ענין; ער האָט פאַרדינט אַ שיינעם סכום; ער איז געוואָרן גראַטעוועט פון אַ פּראָבלעם; ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא; וכדומה.

אָבער דאָס איז נישט וויל דער אויבערשטער וויל דיר יעצט געבן שכר פאר אַ מצוה וכדומה, נאר די סיבה פאַרוואָס מ'האָט דיר געשיקט דעם שמייכל פון הימל, איז מיט דער כוונה אַז **דו זאָלסט זען וויאַזוי דער רבוש"ע איז משגיח אויף דיר אַגאַנצן צייט**, און ער לאָזט דיר נישט אָפּ קיין רגע אָן קיין השגחה.

דער יצר הרע אַרבעט שווער, אַז אפילו ווען מיר זעען קלאָר וויאַזוי השי"ת איז משגיח אויף אונז, **זאָלן מיר דאָס געדענקן בלויז אויף אַ פערטל שעה, און נישט מער**. אָבער דער רבוש"ע האָט רחמנות אויף דיר. דערפאַר שיקט ער אַ גרויסע טובה, כדי **אַז דו זאָלסט עס יאָ געדענקן אויף שפּעטער**. זאָלסט האָבן אַ דערמאַנונג אַז 'לא ינום ולא יישן שומר ישראל', ווייל דו האסט דאָך געזען דעמאָלט וויאַזוי השי"ת האָט דיר גערעטעוועט. **אויב אַזוי געדענק עס אויך שפּעטער**, אַז ער וועט דיר העלפן ביי אַנדערע זאַכן, אפילו אויב דו ווייסט נישט 'וויאַזוי' און אויף 'וועלכע' אופן. געדענק אַז דער רבוש"ע האָט דיר אַלעמאָל אינזין, און אויך יעצט קוקט ער אויף דיר!

## אַ סך הכל פון דעם שיעור אויף למעשה

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז די סיבה פאַרוואָס מענטשן זענען זיך בוטח אויף אַנדערע איז, ווייל מ'מיינט אַז יענער האָט מיר אינזין. אָבער **באמת איז נישטאָ קיינער אויף דער וועלט וואָס קען טראַכטן און דאגה'ן פאַר דיר אָן קיין אויפהער.** ס'איז אוממעגליך פאר אַ בשר ודם צו זאָרגן פאר אַ צווייטן 24 שעה אין טאָג. נאר דער 'כל יכול' טוט דאָס אַלעמאָל פאר יעדן איינעם!

די סיבה פאַרוואָס ס'דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז השי"ת האָט אים נישט אינזין, איז ווייל מ'געדענקט נישט דעם 'הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל', **ס'איז אונז באַקוועמער נישט צו טראַכטן דערפון.** און דאָס איז טאַקע באמת גורם אַז די השגחת ה' זאָל זיין מער בהסתר. זאַכן ווערן נישט מסודר.

וואָס איז די עצה דערצו? זאָגן די ספרים הק' אַז מ'זאָל זיך דערמאַנען די אַלע טובות און חסדים וואָס דער רבוש"ע טוט מיט דיר אַלעמאָל. סיי בעבר און סיי בהוה. **טראַכט אַריין וויפיל גוטס השי"ת גיבט דיר אין דער יעצטיגער סעקונדע, בשעת דו האסט די שוועריגקייט!** דאָס וועט דיר געבן אַ קלאָרקייט צו געדענקן אַז ער האָט דיך אַלעמאָל אינזין, און אַז דו וועסט דאָס געדענקן, וועסטו זיך מער בוטח זיין אויף אים, און דעמאָלט וועט ממילא אָנהויבן צו קלאַפּן זאַכן, ברוחניות און בגשמיות.

## נאָכ'ן דאַווענען – נאָר אמונה!

דערפאַר האָט הרה"ק רבי **פּנחס קאָריצער** זי"ע געזאָגט (אמרי פּנחס, שער אמת ואמונה, אות נו) אַז צומאָל ווען מען געפינט זיך אין אן עת צרה, זאָל מען אפילו נישט דאַווענען, נאָר מ'זאָל זיך גענצליך פאַרלאָזן אויף השי"ת. ווייל עס קען חלילה זיין אַז מ'זאָל נוצן דאָס דאַווענען ווי אַ כלי אַרויסצוברענגען אַ ווייטאָג, כאילו דער רבוש"ע ווייסט נישט פון דעם שווערן מצב. דאָס דערווייטערט דעם מענטש פון דער הכרה אַז דער אויבערשטער קוקט אויף אים אַלעמאָל.

אויב מ'טרעפט זיך מיט אַזעלכע מחשבות, דאַרף מען מקיים זיין דעם 'השלך על ה' יהבך' - לייג אַוועק דיין גאַנצע פּעקל אויף רבוש"ע. האסט געדאַוונט? **יעצט גיי ווייטער!** די דריי תפלות יעדן טאָג ברענגט אַלע הצלחות מיט ברכה, **אָבער נאָכ'ן דאַווענען דאַרף מען זיין רואיג און בטוח בה'.** מ'קען אויך זאָגן פּרשת המן, ווייל ס'איז אַ חלק פון דעם סדר התפלה צו ברענגען שפע, אָבער אויב מ'שפּירט נאָך אַלץ אַז מ'דאַרף ווייטער איינרייסן, ליגט דאָרט צומאָל באַהאַלטן נישט קיין גוטע מחשבות. דער בעל בטחון ווייסט אַז דער רבוש"ע האָט מיך ליב, ער קוקט אויף מיר, און ער ווייסט פּונקטליך וואָס איך דאַרף האָבן, **אפילו אויב כ'האָב אים נישט דערמאַנט נאָכאַמאָל וועגן מיין פּראָבלעם...**

## אַ מעשה מיט וואַסער פּערמיטן...

לאָמיר ענדיגן מיט אַן ערשטהאַנטיגע מעשה, בשייכות מיט די פריערדיגע שיעורים, אַז **נאָכדעם וואָס מ'האָט געטון די געווענליכע השתדלות, זאָל מען אָפּלאָזן אַלע פּעולות.** מ'זאָל פּשוט מסיח דעת זיין און איבערגעבן דאָס גאַנצע פּעקל פאַר'ן אויבערשטן, אַז ער זאָל עס צוענדיגן.

פאַרציילט אַ איד, אַז ער האָט לעצטנס אויפגעבויעט אַ דעוועלאָפּמענט פון זעקס הייזער, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר היימישע אידן. די דירות זענען שוין געווען פולקאָם גרייט און די משפּחות האָבן געוואַרט אַריינצוגיין, אָבער דאָ האָט זיך געמאַכט אַ פּראָבלעם, אַז צוליב ביוראָקראַטישע סיבות האָט די 'העלטה דעפּאַרטמענט' נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין פּערמיטן פאר וואַסער, און פאַרשטענדליך אַז מ'קען נישט אַזוי זיך אַריינציען אין אַ נייע דירה אָן קיין וואַסער.

דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן פאר לאַנגע זעקס חדשים! ווען **יעדן חודש קאָסט אים אָפּ פרישע צוועלף טויזנט דאָלער** פאר די לויפנדע הוצאות פון דעם דעוועלאָפּמענט, אין צוגאָב צו די אומגעהויערע עגמת נפש וואָס ער האָט באַקומען פון די קונים וועלכע האָבן אומאויפהערליך גערופן פרעגן "וואָס גייט דאָ זיין?!". ער האָט געדאַרפט אויפקומען מיט תירוצים אַז מאָרגן און קומענדיגע וואָך... בשעת ער אַליין ווייסט נישט וויאַזוי דאָס וועט זיך ענדיגן.

## מסיח דעת זיין אפילו ווען מ'שפּירט שלעכט פאר אַנדערע

דער איד האָט אַלעס געטון: ער האָט טעלעפאָנירט יעדן וועמען ער האָט געקענט, ער איז אַרומגעלאָפן צו גאָווערמענט אָפיסעס, און ער האָט אויך געדאַוונט און געבעטן, אָבער ס'האָט זיך גאָרנישט גערירט. די קונים האָבן געהאַט שטאַרקע טענות: "מ'האָט אונז צוגעזאָגט אַ דאַטום", אָבער זאַכן האָבן זיך בלויז מער פאַרדרייט און פאַרקלעמט. ער האָט פּרובירט אַלע סגולות, תפלות, און ענינים, **אָבער איין זאַך האָט ער נישט געטון:** דער מהלך פון מסיח דעת זיין און איבערגעבן דעם פּראָבלעם פאַר'ן אויבערשטן.

אייגנטליך איז דאָס אַ גרויסער נסיון, ווייל אין אַזאַ מצב שפּירט דער מענטש: "וויאַזוי קען איך מסיח דעת זיין אויף יענעמ'ס חשבון? כ'בין דאך מצער משפּחות דאָ? ס'איז דאך אַ פליכט וואָס כ'בין מחויב צו מסדר זיין"...

אָבער דער אמת איז פאַרקערט. ווילאַנג מען רעדט זיך איין אַז מ'קען דאָס אַליין באַווייזן, איז מען דאָך גורם אַז ס'זאָל נישט געשען. **קומט אויס אַז די גרעסטע טובה וואָס מ'קען טון פאַר די קונים איז צו מסיח דעת זיין!** אויב מ'איז נישט מסיח דעת, מאַכט מער נאר ערגער פאר די משפּחות וואָס ווילן זיך שוין אַריינציען אין זייערע נייע דירות...

## די ישועה – דוקא נאָכ'ן מסיח דעת זיין

נאָכ'ן מיטמאַכן אַזויפיל עגמת נפש במשך אַהאַלב יאָר, האָט ער ענדליך באַשלאָסן אַז **ער גייט פולקאָם מסיח דעת זיין.** ס'איז געווען אַ זונטאָג אינדערפרי, ווען האָט ער געמאַכט איין טעלעפאָן קאָל נאָכ'ן דאַווענען, און **מער האָט ער נישט געטון קיין שום השתדלות אַגאַנצע וואך!** ער האָט אַלעס איבערגעגעבן פאַר'ן רבוש"ע און אויפגעהערט צו טראַכטן און זאָרגן דערוועגן.

יענע וואָך, פרייטאָג נאָכמיטאָג, איז אָנגעקומען די לאנג-ערוואַרטעטע מעלדונג אַז אַלעס איז געוואָרן מסודר. ס'איז אויס פּראָבלעם! **מ'האָט ב"ה באַקומען די פּערמיטן פאַר וואַסער** און מ'קען זיך אַריינציען אין די הייזער בשעה טובה ומוצלחת.

ס'איז זיכער נישט קיין לייכטע עבודה צו מסיח דעת זיין, בשעת ווען מ'איז אָנגעלאָדנט מיט אַזויפיל לחץ. אָבער ווען אַ איד שטרענגט זיך אן - נאָכ'ן דאַווענען און נאָכ'ן טון זיין נאָרמאַלע השתדלות - צו אַוועקלייגן דעם פּראָבלעם אין אַ זייט, איז ער דורכדעם מגלה דעת אַז דער רבוש"ע ווייסט פּונקטליך וואָס איך דאַרף האָבן, און דער רבוש"ע קוקט מיר אַריין אין די אויגן מיט אַ חמלה ואהבה. **דאָס אַליין ברענגט טאַקע די ישועה!**

איי, וויאַזוי קען איך גיין ווייטער?! מענטשן וואַרטן דאך אויף מיר?! **איך קען גיין ווייטער, ווייל איינער באַפּאַסט זיך שוין דערמיט!** דער מענטש איז נישט קיין פוילער, און נישט קיין קאַלטער סאָרט, ער גייט ווייטער מיט אַ היסח הדעת, ווייל ער איז רואיג **וואוסנדיג אַז ער האָט שוין געטון זיין חלק, און איינער טוט שוין דערוועגן.** מיט אַזאַ צוגאַנג ווערן אידן טאַקע געהאָלפן מדי יום ביומו מיט אַלע סאָרט ישועות ברוחניות ובגשמיות.

### ◆ אותיות מחכימות ◆ ספה"ק קדושת לוי, פּרשת וירא

הִנֵּה לְכָל מֵבִין יִקְשֶׁה הֲלֹא כְּבָר חָלְקוּ עֵשָׂו עִם יַעֲקֹב קֹדֶם הַלֵּדָה עַם ב' עוֹלָמוֹת, זֶה נָטַל חֶלְקוֹ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְזֶה נָטַל חֶלְקוֹ בָּעוֹלָם הַבָּא, אִם כֵּן מֵהֵיכָן אָנוּ מְקַבְּלִים שֶׁפַע עוֹלָם הַזֶּה. וְאִם תֹּאמַר שְׂכַר מִצְוָה, הָא שְׂכַר מִצְוָה בְּהַאי עָלְמָא לֵיכָּא כַּנּוֹדָע.

אֶלָּא הָעִנְיָן, שֶׁכָּל אָדָם מִיִּשְׂרָאֵל צָרִיךְ לַעֲבֹד הַבּוֹרֵא בִּדְבֵקוּת וְהִתְלַהֲבוּת הַנֶּפֶשׁ מְאוֹד בְּכָל עֵת וָרֶגַע, כְּמוֹ שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַשְׁגִּיחַ עָלָיו בְּכָל עֵת וָרֶגַע וְאֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ חָלִילָה בְּלִי הַשְׁגָּחָה אֲפִלּוּ רֶגַע אֶחָד, וְזֶהוּ רַחְמָנוּת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ שֶׁמַּרְאֶה לוֹ לִפְעָמִים לְאָדָם שֶׁמַּשְׁגִּיחַ בְּנָתְנוֹ שֶׁפַע רַב, וְאֵין זוֹ שְׂכַר מִצְוָה, רַק הַכַּוָּנָה לְעָבְדוֹ עַל לְהַבָּא וְאָז אֲפִלּוּ עַל פִּי פָּשׁוּט יָכוֹל לְהָבִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַשְׁגִּיחַ עָלָיו וְאֵינוֹ מַנִּיחוֹ רֶגַע בְּלִי הַשְׁגָּחָה.

## להגיד כי ישר ה׳;

שבת דאַנקט מען אויף דאָס גוטס און דאָס שלעכטס - צוזאַמען

יום חמישי פרשת שמות ט״ז טבת תשפ״ה

**חלק ב**

א

# קל אדון על כל המעשים; שבת לויבט מען אויפ׳ן באַשעפער׳ס בריאה, אפילו אויף די חלקים וואָס איך פאַרשטיי נישט

### שבת איז געווידמעט אויף הודאה

אין דעם פאָריגן שיעור האָט מען געלערנט וואָס דער **רד״ק** זאָגט אויפ׳ן קאַפּיטל ׳מזמור שיר ליום השבת׳, אַז **שבת איז אַ ספּעציעלע צייט וואָס דעמאָלט איז טוב להודות לה׳**. דער טאָג פון שבת איז מיוחד צו דאַנקן השי״ת מיט אַ ישוב הדעת, אויפ׳ן ריכטיגן אופן, אַזאַ סאָרט הודאה וואָס זאָל איבערלאָזן אַ השפּעה אויפ׳ן מענטש.

דאָס איז דאָך די תכלית פון שבת, אַז מ׳זאָל גלייבן, דערהערן און שפּירן די השגחה פּרטיות. **ס׳זאָל נישט זיין סתם געדאַנקט און געגאַנגען ווייטער**, נאר ס׳זאָל זיין אויף אַ צורה וואָס נעמט אינגאַנצן איבער דעם מענטש און **ס׳ברענגט ביי אים אַרויס אַ געפיל אַז ער איז שולדיג פאַר׳ן רבוש״ע**. ווי מ׳זאָגט ביים סוף פון נשמת: ״שכן חובת כל היצורים״. שבת איז אַ טאָג ווען מ׳לאָזט אָפּ אַלע טרדות, כדי **אַז די הודאה זאָל זיין אויפ׳ן ריכטיגן אופן**, ס׳זאָל ברענגען דעם מענטש צו בושה, צו הכנעה און צו תשובה.

### שב״ק איז געמאַכט צו דאַנקן אויך אויף דעם ׳רע׳

ס׳איז אָבער דאָ נאָך אַ נקודה וואָס איז זייער קענטיג און בולט אין דעם קאַפּיטל פון ׳מזמור שיר ליום השבת׳, אַז מען לויבט אַסאַך דעם רבוש״ע **אפילו אויף די זאַכן וואָס גייט נישט וויאַזוי מיר האָבן געוואָלט**. ווי די **גמרא** זאָגט (ברכות מח, ב): כשם שמברך על הטובה כך מברך על הרעה.

מ׳זעט אין דעם קאַפּיטל אַז **שבת איז דאָ אַ ספּעציעלע עבודה פון דאַנקן אויך אויף זאַכן וואָס קוקן אויס ווי שלעכטס**. דער מזמור הייבט זיך אָן מיט **להגיד בבוקר חסדך**, אָבער מ׳איז ממשיך צו דאַנקן **ואמונתך בלילות**, און מ׳דערמאַנט **בפרוח רשעים כמו עשב ויציצו כל פועלי און** - אפילו ווען ס׳איז רשע וטוב לו, ס׳איז נישט פּונקטליך וויאַזוי מיר וואָלטן געוואָלט, גלייבן מיר ווייטער אין השי״ת. **להגיד כי ישר ה׳ צורי ולא עולתה בו**. אפילו ס׳קען זיין אַמאָל קשיות און ס׳קען זיין זאַכן וואָס ערוועקן וואונדער, אָבער דער איד דאַנקט דעם רבוש״ע אויף אַלעס. אויך אויף די שווערע חלקים וואָס ער פאַרשטייט נישט.

### שבת רעדט מען וועגן דעם שלימות הבריאה

וואָס האָט דאָס אָבער אַ שייכות מיט שבת? **לכאורה וואָלט נישט געווען פּאַסיג אַז שבת זאָל מען אַריינקריכן אין אַזעלכע טונקעלע ווינקלעך**. ווי זאָגט מען: ״לאָמיר דאָס אַוועקלייגן פאר אינמיטן די וואך... שבת איז דאך שבת, יעצט אום שבת לאָמיר רעדן נאר וועגן די זאַכן וואָס זענען טוב הנגלה״...

די ערשטע פּשוט׳ע הסבר דערצו איז: ווייל **שבת זאָגן מיר עדות אַז דער רבוש״ע האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט מיט אַ מורא׳דיגע שלימות**, יום השישי ויכולו השמים והארץ וכל צבאם. שבת ברענגט מען אַרויס אַז די בריאה פון השי״ת איז אויסגעשטעלט מיט אַ געוואַלדיגע השגחה פּרטית מדוקדקת.

אויב וואָלטן מיר זיך באַצויגן בלויז צו איין חלק פון דער בריאה, צו דעם ׳טוב הנגלה׳ וואָס מיר פאַרשטיין, דעמאָלט איז דאָס **כאילו מיר האָבן איבערגעלאָזט אַ האַלבע בריאה וואָס מ׳רעדט נישט דערפון**... אויב אַזוי, איז דאָס אַ חסרון אין דעם שבח והודאה פון שב״ק! עס וואָלט געפעלט פון דער הכרה אין דעם שלימות הבריאה.

### קידוש אויף דער גאַנצער וועלט

שבת שטעלט זיך דער מענטש אַוועק און ער זאָגט: **די בריאה פון השי״ת איז גאַנץ און בשלימות.** יעדע איינציגע זאַך איז טוב. ביי יעדע איינציגע זאַך זעט מען דעם רבוש״ע.

ווען אַ איד זאָגט דעם קאַפּיטל פון ׳מזמור שיר ליום השבת׳ מאַכט ער קידוש אויף דער גאַנצער בריאה! **ער דערציילט אַז דעם אויבערשטנס וועלט איז די שענסטע און מערסט שלימות׳דיגע בריאה וואָס קען נאר זיין.** ער דאַנקט דערויף: איך ווער ממש איבערגענומען פון התרגשות ווען כ׳קוק אַרום אויף דער בריאה. **מה גדלו מעשיך ה׳ מאוד עמקו מחשבותיך!** טראָצדעם וואָס איך זע אַז ס׳איז דאָ זאַכן וואָס פון אויבנאויף איז עס נישט פּונקטליך וויאַזוי כ׳וואָלט געוואָלט. אפילו אויב געוויסע זאַכן **זענען נישט פּונקט ווי מיין קליינע פּיצעלע קעפּעלע פאַרשטייט**, גלייב איך אָבער אַז ס׳האָט אַ חשבון.

ביי מזמור שיר ליום השבת זאָגט דער איד: איך ווייס קלאָר אַז אויב ס׳איז דאָ אַ מצב פון **בפרוח רשעים כמו עשב**, איז עס בלויז מיט׳ן תכלית פון **להשמדם עדי עד**. ענדגילטיג וועט דער רבוש״ע זיכער אויספירן, **ואתה מרום לעולם ה׳**, און די רשעים וועט זיין **יאבדו יתפרדו כל פועלי און**. דאָס זעלבע איז ווען איך זע אַז צדיקים מוטשענען זיך, בין איך פאַרזיכערט אַז **צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה שתולים בבית ה׳**. אפילו אויב יעצט אויף דער מינוט קען אַמאָל אויסזען כאילו זיי זענען באַגראָבן אין דער ערד, איז דאָס אַלעס כדי זיי זאָלן וואַקסן.

אויב מ׳וויל ריכטיג אַרויסברענגען די שלימות הבריאה **מוז מען זיך באַציען אויך צו די אַלע נעגאַטיווע חלקים**. מ׳דאַרף אַרויסזאָגן בפּה מלא אַז **אַלעס** איז טוב, אַלעס וואָס קומט פון דעם רבוש״ע איז שלימות. **אפילו** די זאַכן וואָס איך פאַרשטיי נישט אויף דער ערשטער סעקונדע.

### ואמונתך בלילות - מ׳דאַנקט אויפ׳ן גלות

אַזוי איז טאַקע רש״י מפרש דעם פּסוק: ׳ואמונתך בלילות׳ - **בעוד צרת הגלות, להאמין בך שתשמור הבטחתך, כל זה נאה וטוב.** - בשעת ווען איך גיי דורך דעם פינסטערן גלות, גלייב איך אַז דו גייסט היטן דיין הבטחה אונז אַרויסצונעמען פון גלות. דאָס איז ׳נאה וטוב׳.

רש״י לערנט פּשט אַז **דער ׳טוב להודות לה׳ איז ווען כ׳קען זאָגן דעם ׳ואמונתך בלילות׳!** אויב איך רעדט נאר פון די גוטע חלקים אין דער בריאה, מיינט דאָס אויטאָמאַטיש אַז אויף די אַנדערע האַלב קען איך נישט דאַנקן, ווייל ס׳איז מיר נישט קלאָר די טובה דערפון. **אויב אַזוי, איז עס נישט קיין שלימות׳דיגע הודאה!**

טאָמער איך וויל דאַנקן און מכיר זיין דעם באַשעפער׳ס בריאה, וואָס דאָס איז דאָך די עבודה פון שבת, דעמאָלט **מוז איך דאַנקן אויף אַלעם**. איך מוז אַרויסברענגען אַז **אַלע** חלקים פון דער בריאה איז הונדערט פּראָצענט בשלימות!

ב

# לילה כיום יאיר; שבת דאַנקט מען אויףביידע אינאיינעם: סיי ׳על הטוב׳ און סיי ׳על הרע׳

### די הודאה פון שבת איז אויף ביידע חלקים

אום שבת איז דאָ נאָך אַ זאַך וואָס מ׳דאַרף דאָס גוט באַמערקן, אַז מ׳דאַנקט נישט בלויז אויף דאָס גוטס אָדער אויף דאָס שלעכטס, נאר **מ׳שטעלט צוזאַמען ביידע הודאות אויף איינמאָל**. מ׳דאַנקט אויף ביידע חלקים צוזאַמען!

ס׳איז דאָ איין סאָרט שבח והודאה, **ווען מען דאַנקט ׳על הטוב׳**. דער מענטש האָט באַקומען אַ טובה פון הימל און ער זאָגט ברוך ה׳, ער זאָגט מודים,

ער קען נישט גענוג לויבן דעם אויבערשטן אַז ער האָט אים אַזוי שטאַרק מטיב געווען מיט חסדים און רחמנות.

דאַן איז דאָ נאָך אַ סאָרט שבח והודאה, **ווען מען דאַנקט 'על הרעה'**. אַן ערליכער איד גייט דורך אַ שווערינקייט, אָבער ער אַרבעט אויף זיך און ער זאָגט: רבוש"ע, איך ווייס אַז 'גם זו לטובה'. **איך דאַנק דיר דערויף, אפילו כ'פאַרשטיי עס נישט, אָבער איך ווייס אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'.** דער איד פּרובירט צו לויבן מיט אַ שמחה וויפיל ס'איז אים מעגליך, לויט זיין מדריגה.

אָבער דאַן איז דאָ אַ דריטע סאָרט הודאה, **ווען דער איד דאַנקט 'בנשימה אחת', סיי אויף דעם 'טוב הנגלה' און סיי אויף דעם 'טוב הנסתר', אויף איינמאָל!** אין דעם קאַפּיטל פון מזמור שיר ליום השבת שרייט זיך דאָס שטאַרק אַרויס, אַז מ'זוכט נישט יעצט דוקא צו דאַנקן אויף איין חלק מער ווי אויפ'ן אַנדערן. צוערשט זאָגט מען: **להגיד בבוקר חסדך** - דער מענטש דאַנקט אַז ס'איז דורכגעגאַנגען אַ וואָך מיט אַזויפיל טובות. דאָס ברענגט אים צו התרגשות און צו מכיר זיין די אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט צו אים. אָבער תוך כדי דיבור דאַנקט ער אויך אויף 'אמונתך בלילות', ער לויבט אויףביידע חלקים, און ער פירט אויס: **להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו** - ס'איז נישטאָ קיין שום עוולה און קיין שום חסרון!

## צוויי סאָרט ברכות אין באַזונדערע מצבים

בדרך כלל איז דאָ אַ סדר אַז מ'דאַנקט אויף יעדע זאַך באַזונדער. אַזוי זעט מען טאַקע אין **שלחן ערוך הלכות ברכות** אַז ווען מ'באַקומט גוטס דאַרף מען דאַנקן 'על הטוב', און ווען עס פּאַסירט חלילה שלעכטס דאַרף מען דאַנקן 'על הרעה'.

די ברכה פון 'דיין האמת' זאָגט מען **בשעת ווען ס'קומט אַ נישט גוטע מקרה**, השי"ת זאל אָפּהיטן. זאָגט מען דעמאָלט אַרויס בפה מלא אַז מ'דאַנקט דעם אויבערשטן דערפאַר. [ווילאַנג מיר זענען דאָ בעולם הזה זאָגט מען עס טאַקע בלשון נסתר, 'דיין האמת', און לעתיד לבא וועט מען עס קענען אַרויסזאָגן 'הטוב והמטיב' ווייל דער חסד וועט זיין מער נגלה, אָבער עכ"פ מ'מאַכט די ברכה בשעת ווען ס'פּאַסירט די נעגאַטיווע זאַך]. דאָס זעלבע איז **בשעת אַ מענטש באַקומט אַ טובה**, איז דאָ אַ חיוב צו דאַנקן דערויף. ווי **חז"ל** זאָגן (ברכות לה, ב) אַז אויב מען עסט אָן קיין ברכת הנהנין, איז כאילו גוזל להקב"ה ולכנסת ישראל.

דאָס איז די געוועגליכע מהלך, אַז **אויף יעדע זאַך דאַנקט מען אין זיין באַשטימטע צייט**. ווען מען באַקומט אַ טובה דאַנקט מען אויף דעם טוב הנגלה, און ווען ס'איז ח"ו פאַרקערט, דאַנקט מען אויף דעם טוב הנסתר.

אָבער שבת איז דאָ אַ דריטע סאָרט עבודה, וואָס מ'זעט אין די פּסוקים פון קאַפּיטל פון 'מזמור שיר ליום השבת', אַז **מען דאַנקט אויף ביידע חלקים צוזאַמען**. די הודאה איז געקניפּט און געבינדן און מען לויבט אויף ביידע זאַכן אינאיינעם.

## דער חילוק פון ברכות קריאת שמע אינדערפרי און ביינאַכט

דעם זעלבן מהלך זעט מען אויך ביי ברכת קריאת שמע, אַז ס'איז צעטיילט אין צוויי באַזונדערע זמנים, ווי די **גמרא** זאָגט (ברכות יב, א) אַז 'להגיד בבוקר חסדך' גייט אַרויף אויף די ברכות פון אינדערפרי, און 'אמונתך בלילות' אויף די ברכות פון ביינאַכט.

ביי די ברכות פון שחרית דאַנקט מען אויף דעם טוב הנגלה: **עזרת אבותינו אתה הוא מעולם, מגן ומושיע להם.** מען לויבט אויף אַלע טובות און אויף אַלע גוטע זאַכן, **מוציא אסורים, פודה ענוים, ועוזר דלים, ועונה לעמו ישראל.** ווידעראום ביינאַכט זאָגט מען **ואמונה כל זאת**, וואו מ'דאַנקט אויפ'ן גלות, ווי רש"י זאָגט דאָרט (ברכות יב, ד"ה להגיד) אַז אין דער ברכה פון מעריב רעדט מען וועגן אונזער אמונה אַז דער רבוש"ע גייט אונז אַרויסנעמען פון דעם גלות און ער היט אונז אָפּ מיט די שטענדיגע נסים.

## שבת איז נישטאָ קיין טאָג און קיין נאַכט

אָבער שבת איז אַ 'לילה שכולו אור'. ס'איז נישט קיין חילוק צווישן פרייטאָג צונאַכטס און שבת בייטאָג. **גלייך ווען מ'קומט אַריין אין שבת דאַנקט מען אויף ביידע חלקים צוזאַמען: להגיד בבוקר חסדך ואמונתך בלילות!**

מ'זעט טאַקע אַז אינמיטן דער וואך גריסט מען אינדערפרי 'אַ גוט מאָרגן' און 'אַ גוטן טאָג', און ביינאַכט זאָגט מען 'אַ גוטע נאַכט', אָבער **שבת זאָגט מען אַלעמאָל 'אַ גוט שבת'**, ווייל ס'איז נישט קיין חילוק אויב ס'איז ביינאַכט, פאַרטאָגס, אָדער נאָכמיטאָג. **שבת איז אַ זמן ווען מ'קניפּט צוזאַם ביידע.** מ'דאַנקט אויף ביידע חלקים אינאיינעם. אויף די חסדים און אויף די פאַרקערטע, ווי עס שטייט אין דעם קאַפּיטל: **עלי עשור ועלי נבל, עלי הגיון בכנור.** - 'עשור' באַדייט אַלע נאָטן וואָס איז דאָ אויפ'ן קיבאָרד, סיי די שוואַרצע קנעפּלעך און סיי די ווייסע קנעפּלעך, אויף אַלעס דאַנקט מען. **להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו.** ס'איז נישטאָ קיין עוולה, אַלעס איז טוב!

ג

# חסד ומשפט אשירה; די געוואַלדיגע ריווח פון הודאה אויף די נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע חלקים צוזאַמען

## שבת זעט מען די ריכטיגע פּראָפּאָרציע

לאָמיר אַלזאָ לערנען צוביסלעך, וואָס איז די תועלת פון דאַנקן אויף אַזאַ סאָרט אופן, און בעיקר וואָס זענען די הרגשים וואָס מען קען קונה זיין, ווען מ'דאַנקט סיי על הטוב און סיי על הרעה אויף איינמאָל.

צום אַלעם ערשטן: ווען אַ מענטש דאַנקט אויף ביידע חלקים צוזאַמען, **איז אים אַסאַך גרינגער צו געדענקן אַז אויך דער 'טוב הנסתר' איז באמת גוט.**

אויב מ'דאַנקט 'על הרעה' בלויז ווען זאַכן זענען נישט געגאַנגען ווי געפּלאַנט, בלייבט עס למעשה שטעכן אין האַרץ. ס'איז שווער צו מקבל זיין באהבה, נאר מ'זאָגט 'גם זו לטובה' און מ'פּרובירט צו אַרבעטן אויף זיך. אָבער ווען אַ איד שטעלט זיך אַראָפּ שב"ק - ווען ער האָט נישט געוואונען קיין לאַטערי, און ס'איז אים אויך נישט געשען קיין אומגליק - און ער דאַנקט אויף אַלעס וואָס האָט מיט אים פּאַסירט, סיי 'טוב' און סיי 'רע', **דעמאָלט קען ער זען דעם 'טוב הנסתר' מיט אַסאַך אַ ליכטיגערע קאָליר.** ווייל ס'איז דאָ אַ געזונטע פּראָפּאָרציע.

## זיך דערהייבן פונעם מצב גיבט דעם ריכטיגן בליק

בשעת ווען אַ מענטש געפינט זיך אַריינגעטון 'אין' דעם מצב, ווערט ער זייער איבערגענומען דערפון. **אפילו אויב ס'איז אַ קלייניגקייט שפּירט ער אַז ס'איז ביטער שווער.** צום ביישפּיל ווען ער האַלט אינמיטן אַ וויכוח וואָס ער גייט פאַרלירן... ער האָפט ס'גייט נישט געשען... און ס'איז אים גאָר שווער, **אפילו אויב ס'איז ממש אַ נאַרישקייט.**

דאָס שפּילט זיך אויך אָפּ דורכאויס אונזער לעבן. ווען מ'געפינט זיך אין אַ שווערע תקופה, **שפּירט מען בשעת מעשה ווי מען אָטעמט נישט.** מ'האָט די הרגשה אַז מ'קען נישט אויסהאַלטן די יסורי איוב. אָבער ווען מ'קוקט מיט אַ ברייטערן בליק אויפ'ן גאַנצן לעבן, זעט מען אַז ס'איז דאָ אַלע סאָרט מצבים. אויב מ'גייט אַביסל אַרויס פון זיך אַליין, און מ'דאַנקט דעם רבוש"ע, **הייבט מען אָן זען דעם מצב פון אינדרויסן און ס'איז אַסאַך לייכטער.** ווייל דער געפיל פאַרטומלט אונז, עס נעמט אַרויס זאַכן פון דעם ריכטיגן פּראָפּאָרציע.

ווען ס'קומט שב"ק דאַנקט אַ איד אויף ביידע חלקים. ער דאַנקט אויף דעם 'טוב' און ער ווערט נתרגש דערפון זאָגנדיג: **"איך דאַנק אויך אויף די נעגאַטיווע חלקים פון מיין לעבן, ווייל איך ווייס אַז אַלעס איז לטובה"**. יעצט קען ער דאָס אַסאַך לייכטער זאָגן און אמת'דיג שפּירן!

## דאַנקן מיט הכנעה

נאָך אַ תועלת פון דאַנקן אויף ביידע חלקים צוזאַמען, איז ווייל ווילאַנג דער מענטש דאַנקט בלויז אויף דעם 'טוב', קען צומאָל פּאַסירן אַז ער זאָגט טאַקע ברוך ה', **אָבער עס פעלט אים די הכנעה.** ער שפּירט זיך ווי אַ שטאַרקער מוצלח, דער פּלאַן אַרבעט זיך ב"ה אויס... אפילו ווען ער דאַנקט שוין יאָ השי"ת, איז דאָס נישט מיט די פילסטע ביטול און ענווה, ס'קומט אים אַריין פאַרשידענע סאָרט מחשבות וואָס ס'טראָפּט דערפון גאוה.

אָבער אויב בשעת'ן דאַנקן דערמאַנט ער אויך זיינע שוועריגקייטן, וויפיל ער איז פאַרלוירן אין אַנדערע תחומים. דעמאָלט איז דאָס נישט עפּעס אַ ווייטע זאַך, **נאָר ער שפּירט באמת אַז ער דאַרף אָנקומען צום רבוש"ע יעדע סעקונדע.** דאָס איז גורם אַז ווען ער דאַנקט אויף דעם 'טוב', איז דאָס אַ ריכטיגע אידישע הודאה! דאָס דאַנקן ברענגט אים

בושה, הכנעה און אַ שטאַרקע תשוקה צו תשובה טון, וואָס **דאָס איז די גאַנצע תכלית פון הודאה.** ווען מ'דאַנקט אויף ביידע צוזאַמען איז אַסאַך לייכטער אַז די הודאה זאל ברענגען צו די ריכטיגע רעזולטאַטן.

## אַ צעשטערטע שמחה ברענגט אַרויס אַ בעסערע הודאה

צומאָל מאַכט זיך - אויף קיין שום איד נישט געוואונטשן - אַז מ'האַלט ביים חתונה מאַכן דאָס זיבעטע קינד, און למעשה איז מען פונקט אינמיטן זיצן שבעה אָדער אינמיטן די שלושים ל"ע. ווען דער שידוך איז געוואָרן האָט דער מחותן נישט גע'חשבונ'ט אַז דאָס גייט פּאַסירן. אָבער יעצט האַלט ער אינמיטן ימי אבילות, ס'איז אַ גאַנצע שאלה צי ער קען יאָ אָדער נישט קומען. ער פרעגט אַ מורה הוראה, און **ער שפּירט אַז ס'איז אַ צעשטערטע שמחה.**

אַזוי איז דאָ נאָך אַסאַך ביישפּילן, ווען מען געפינט זיך ביי אַ שמחה אָבער בשעת מעשה טוט עפּעס זייער שטאַרק וויי, ס'שטעכט אין האַרץ. **ס'איז טאַקע אַ שמחה אָבער ס'איז באַגלייט מיט אַ ווייטאָגליכן קוועטש.** ס'איז נישט קיין שלימות'דיגע שמחה.

דאַרף מען וויסן אַז דער רבוש"ע פירט דעם מענטש אויף אַזאַ מהלך, **כדי אַז ער זאָל קענען צוקומען צו די שלימות'דיגע סאָרט הודאה,** וואָס קומט אַרויס דוקא ווען מ'דאַנקט בשעת ס'איז אויך אַביסל שווער, און מ'זאָגט: להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו.

## ביי יעדע חתונה דאַרף מען האָבן אַביסל הכנעה

דאָס איז אויך די סיבה פאַרוואָס מען צעברעכט אַ גלאָז אונטער דער חופּה, זיך צו דערמאַנען אַז ירושלים איז נאָך חרוב און מ'וואַרט אויף די גאולה שלימה. ווי די **גמרא** דערציילט (ברכות לא, א) אז ווען די הייליגע אמוראים האָבן געזען אַז ס'איז צו שטאַרק פרייליך ביי זייער שמחה האָבן זיי צעבראָכן אַ טייערן גלאָז. די גמרא דערמאַנט דאָרט דעם פּסוק 'וגילו ברעדה', אַז **בשעת ס'איז דאָ אַ מצב פון 'גילה', דאַרף אָבער אויך זיין אַ יראה.**

די פּשטות'דיגע טעם פאַרוואָס מען צעברעכט אַ גלאָז, איז כדי מ'זאָל זיך נישט לאָזן וואוילגיין עד הסוף. אַנטשולדיגט, ס'איז דאָ אַ פּראָבלעם, ס'איז דאָ אַ חורבן הבית. ווילסט זיך פרייען? זייער גוט, אָבער אַז דו ביסט אין ירושלים, מאַך נישט קיין מוזיק ווייל דער בית המקדש איז חרוב. איי, ס'איז נישט קיין שלימות'דיגע שמחה? זייער גוט, האָב נישט קיין שלימות'דיגע שמחה, ווייל די שכינה הק' איז בצער.

אודאי איז דאָס אויך אמת, מ'דאַרף געדענקן דעם חורבן, אָבער פון דעם לשון וואָס די גמרא זאָגט, 'וגילו ברעדה', זעט מען אַז דאָ ליגט נאָך אַ כוונה. מען צעברעכט דעם גלאָז, ווייל **אפילו ווען מ'פריידט זיך און מ'איז 'מברך על הטוב', דאַרף דאָרט זיין די הכנעה בלב!** אפילו ווען ס'וואָלט יאָ געווען אַ בית המקדש דאַרף מען אַלעמאָל האָבן די הכנעה בשעת שמחה.

## געדענקן דעם ביטול צו השי"ת אפילו ביים קלימאַקס פון שמחה

די גרעסטע ראַי' דערצו איז די פּרשה פון נדב ואביהוא. דער טאָג ווען ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן, ראש חודש ניסן, איז געווען **די סאַמע גרעסטע טאָג אין דער בריאה!** עשר עטרות נטל אותו היום. ס'איז געווען דער היפוך הגמור פון חורבן הבית. נישט בלויז איז דעמאָלט געווען אַ משכן, נאר **ס'איז דעמאָלט אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן!** מ'קען זיך נישט פאַרשטעלן די שלימות'דיגע שמחה, וואָס די גאַנצע בריאה האָט געוואַרט דערויף פון ששת ימי בראשית, ווי די גמרא זאָגט (מגילה י, ב): **אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ.** די וועלט האָט זיך אין דעם טאָג געטוישט צום גוטן. מ'האָט געדאַרפט דורכגיין אַ ברית בין הבתרים, אַ יציאת מצרים, אַ קבלת התורה, און מ'איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען. ערשט נאָכדעם איז געווען תרומה, תצוה, ויקהל פּקודי, און אָה, **יעצט האָט מען דערגרייכט דעם שפּיץ מיט דער גרעסטער השראת השכינה.**

אָבער דוקא אין דעם טאָג האָט דער רבוש"ע צוגענומען נדב ואביהוא. ס'איז געווען אַ ווייטאָגליכע אבילות, וואָס האָט געריסן ביים האַרץ. ס'איז דאך געווען אַ דאָפּלטער אומגליק, פּונקט אינמיטן די גרעסטע שלימות'דיגע טאָג פון דער בריאה, ווייל עס פאָדערט זיך צו האָבן ביידע חלקים צוזאַמען.

## מ'דאַנקט דוקא ווען ס'איז אויך אַביסל שווער

אַ איד מאַכט חתונה זיין קינד. ס'איז אַ גרויסע שמחה, אָבער צום באַדויערן האָט ער אַן עלטערער קינד וואָס מ'האָט געדאַרפט איבערהיפּן. אַזוי האָט דער רבוש"ע גוזר געווען. דאָס עלטערע קינד קומט צו דער חתונה מיט אַזאַ האַלבע און געמאַכטע שמייכל, און ס'שטעכט ביים הארץ. ס'איז נישט קיין שלימות'דיגע שמחה. די מאַמע לאָזט טרערן ביי דער חופּה און זי ווייסט אַז **אַ גרויס חלק פון די טרערן איז פאר דאָס קינד וואָס מ'האָט איבערגעהיפּט.** זי שפּירט אַ ווייטאָג אין האַרץ: איך מאַך שוין יאָ אַ שמחה, דאַרף עס אַזוי זיין?

דאָס איז אָבער אַ טעות. ראש חודש ניסן איז די גרעסטע ראַי' דערצו. דער קאַפּיטל פון 'מזמור שיר ליום השבת' האָט אין זיך דעם גרויסן אור, אַז דער איד לויבט אויף ביידע זאַכן צוזאַמען, און **דוקא אָט די הכנעה מאַכט אַז ער זאָל דאַנקן ווי אַ איד.** סיי ווייל ער לערנט עס אָפּ ריכטיג אַז **דער זעלבער באַשעפער האָט געמאַכט ביידע זאַכן,** און פּונקט ווי דער 'טוב הנגלה' איז גוט, אַזוי אויך איז די 'טוב הנסתר' גוט, און סיי ווייל **דאָס ברענגט אים צו דאַנקן מיט אַ ביטול צו השי"ת.**

## אַרויסלייגן אַלעס אויפ'ן טיש אָפּענערהייט...

אַ טאַטע האָט ליידער אַ קינד וואָס איז ל"ע פאַרגליטשט. ער רופט אָן דאָס קינד און זאָגט אים: "טו מיר אַ טובה, קום נישט צו דער חתונה, דו מאַכסט מיר סתם בושות מיט בזיונות. שטער מיר נישט די שמחה". דער טאַטע האָפט אַז דורכדעם וועט ער זיך קענען פאַרהוילן פון דעם פּראָבלעם, כאָטש זאל די אַנדערע זייט אים נישט זען...

ס'איז פאַרשטענדליך אַז מ'וויל עס באַהאַלטן פון אַנדערע. ס'איז דאך אַזאַ אַ טיפע צער און מ'קען נישט דן זיין אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אַזאַ סאָרט נסיון. אָבער ווען מ'רעדט כלפּי דעם ענין פון דאַנקן דעם רבוש"ע, איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי "לאָמיר נישט יעצט רעדן וועגן די שווערע חלקים, לאָמיר עס באַהאַלטן אונטער די קאַרפּעט"...

ווען דו דאנקסט דעם רבוש"ע מיט פאַרמאַכטע אויגן פרייטאָג צונאַכטס, ביי 'מזמור שיר ליום השבת', **לייג אַרויף אַלעס אויפ'ן טיש.** סיי וואָס דו האסט פאַרדינט און סיי וואָס דו האסט פאַרלוירן, סיי וואָס דו האסט מצליח געווען און סיי וואָס דו ביסט דורכגעפאַלן. **דאַנק דעם אויבערשטן אויף אַלעם!** דעמאָלט וועסטו באַקומען אַסאַך אַ טיפערע און שלימות'דיגע הבנה, אויף וויפיל אַ בשר ודם קען דערהערן, אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט און אַלעס איז לטובה, דאָס וועט אַרויסקומען אויפ'ן שענסטן אופן דוקא ווען דו זעסט ביידע חלקים אויף אַמאָל.

המשך מעמוד ח'

נקודה למחשבה

### תפלה מיט אַ געַנצליכע אָנגעוויזנקייט אויף השי"ת

דערפאַר איז רבי עקיבא ניטאַמאָל אַריינגעקומען אין שטוב באַגריסן, ווייל **בלויז אַזעלכע תפלות, ווען אַ מענטש שפּירט זיך געַנצליך הילפסלאָז און אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן, נאר אַזאַ געבעט און נאר אַזאַ געפיל קען ברענגען די גרויסע מדריגה פון רבי עקיבא'ס תורה וואָס האָט אן אייביגע קיום!** דערפאַר האָט ער שפּעטער געזאָגט: "**שלי ושלכם שלה היא**" - זיין גאַנצע תורה האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקן, נישט בלויז פאר איר מסירת נפש, נאר **ווייל אירע תפלות זענען געווען מיט'ן גאַנצן עומק פון בטחון בה'.**

אפילו רבי עקיבא אליינס האָט נישט געקענט מתפלל זיין אַזעלכע סאָרט תפלות ווי רחל אשת רבי עקיבא! אירע תפלות האָבן געהאַט אַ געוויסע מעלה ווייל זי האָט דאָך במשך די גאַנצע 24 יאָר בכלל נישט געוואוסט איבער זיין גרויסקייט בתורה, **איז זי געווען אינגאַנצן אָנגעהאָנגען אויפ'ן אויבערשטן!** ביי אירע תפלות האָט זי געהאַט די פולקאָמע הרגשה אַז בלויז דער רבוש"ע קען איר העלפן און דערפאַר איז טאַקע זיין תורה געווען אין איר זכות - שלה היא!

דאָ האָבן מיר נאָכאַמאָל דעם יסוד וואָס דער חובת הלבבות לערנט אונז, אַז כדי די הצלחה זאל האָבן אַן אמת'ע קיום, מוז דאָס קומען דורכדעם וואָס דער מענטש געדענקט יעדע רגע, אַז '**אַלעס קומט בלויז פון דעם אויבערשטן**' און ער איז גענצליך אָנגעוויזן אויף יעדן טריט צו די סייעתא דשמיא פון השי"ת! נאר אַזוי קען די הצלחה האָבן אַ קיום אויף ווייטער!

## נקודה למחשבה

# ותעמוד מלדת; נישט אויפהערן צו בעטן פון די טיפענישן פון האַרץ

מתוך שיעור בטחון, יום שני פרשת מסעי, כ"ו תמוז תשע"ט

ס'איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין ספה"ק **מאור ושמש** (פרשת ויצא) וואָס ער האָט געהערט פון הרה"ק **מלובלין** זי"ע אַז דערפאַר שטייט ביי לאה "ותאמר הפעם אודה את ה' על כן קראה שמו יהודה ותעמוד מלדת", ווייל לאה האָט טאַקע געדאַנקט דעם אויבערשטן אָבער זי האָט נישט געבעטן אויף ווייטער און דעריבער האָט זיך אָפּגעשטעלט די השפעה. דאָס קומט אונז לערנען אַז **אפילו ווען אַ מענטש דאַנקט דעם אויבערשטן אָבער אויב בשעת מעשה לויפט אים דורך אַ מחשבה אַז די פּראָבלעם איז געלעזט און ער איז שוין מסודר**, וועט דאָס גורם זיין צו אָפּשטעלן די חיות פון דער זאַך חלילה.

דאָס דאַרף מען אַזוי שטאַרק געדענקן אַלעמאָל ווען מען האָט הצלחה און מען באַקומט גוטס, זאָל מען האָבן אָבער האָבן אין געדאַנק אַז יעדע רגע אויף ווייטער איז די הצלחה נאָכאַלץ אָנגעוויזן אין דעם חיות פון השי"ת. מען זאָל קיינמאָל נישט האָבן קיין רואיגקייט וואָס קומט פון זיך פאַרלאָזן אויף זיך אליינס!

## די ריכטיגע אופן פון דאַנקן השי"ת

דער יסוד איז אַזוי וויכטיג אַז אפילו ווען אַן ערליכער איד דאַנקט דעם אויבערשטן דאַרף מען נזהר זיין מ'זאָל נישט פאַרגעסן אַז **אויך נאָכ'ן באַקומען די ישועה** זענען מיר נאָך אַלס אָנגעוויזן יעדע רגע אַז דער רבוש"ע זאָל אונז באַגלייטן און געבן טובות!

אַמאָל קען אויסקומען אַז ווען מען דאַנקט דעם אויבערשטן ליגט דאָרט באַהאַלטן אַ געוויסע רואיגקייט: "איך בין שוין מסודר ב"ה, איך האָב געשריגן צום אויבערשטן ווייל כ'האָב שטאַרק געדאַרפט די ישועה, ב"ה אַז ס'איז ערלעדיגט, יישר כח רבוש"ע פאַר'ן מיך העלפן, מ'וועט זיך נאָכאַמאָל זען אי"ה ווען איך וועל דאַרפן די קומענדיגע ישועה"... **דער מענטש אָטעמט אָפּ כאילו ער קען זיך שוין אליינס אַן עצה געבן.** די ספרים הק' לערנען אונז אָבער, אַז טאַקע ווען אַ איד דאַנקט דעם אויבערשטן **דאַרף ער זיין געוואָרנט ס'זאָל נישט בלייבן אַן אומריכטיגע הרגשה כאילו ער איז שוין מסודר** און ער דאַרף שוין נישט אָנקומען אַזוי שטאַרק חלילה צו השי"ת.

## פאַרוואָס איז רבי עקיבא נישט אַריין אין שטוב באַגריסן?!

אַז מ'רעדט וועגן דעם ענין איז דאָ אַ גאָר טייער וואָרט וואָס ברענגט שטאַרק אַרויס די נקודה:

אַלע ווייסן וואָס די גמרא דערציילט (כתובות סג, א) אַז רבי עקיבא איז געגאַנגען לערנען תורה און ער איז נישט געווען אין שטוב פאר לאַנגע יאָרן. ענדליך נאָך 12 יאָר ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער געהערט פון הינטער די טיר, ווי זיין פרוי, רחל אשת רבי עקיבא, זאָגט פאר אַ שכנ'טע אַז אויב וואָלט ער מיך געפאָלגט וואָלט ער געגאַנגען פאר נאָך צוועלף יאָר. און רבי עקיבא האָט זיך טאַקע אויסגעדרייט און איז צוריקגעגאַנגען לערנען ביז די ענדע פון 24 יאָר, ווען ער איז אַהיימגעקומען מיט 24 טויזנט תלמידים און ער האָט זיך אויסגעדרוקט "שלי ושלכם שלה היא".

איז באַקאַנט די קשיא, פאַרוואָס איז רבי עקיבא ניטאַמאָל אַריין אין שטוב באַגריסן איידער ער איז צוריקגעגאַנגען אין בית המדרש? די וועלט ענטפערט בשם הגאון רבי **חיים שמואלביץ** זצ"ל אַז "צוועלף מיט צוועלף איז נישט קיין פיר און צוואָנציג".

## רבי עקיבא'ס תורה האָט געהאַט אן אייביגע קיום

ס'איז פאַרהאַן נאָך אַ הפלא'דיגע ביאור אויף די מעשה, אַז באמת ווען מען קלערט אַריין אין דער געוואַלדיגער 'קיום' פון רבי עקיבא'ס תורה איז דאך עס וואונדערליך ביז גאָר! רבי עקיבא איז דאך געווען דער רבי פון די הייליגע תנאים, רבי שמעון בר יוחאי, רבי מאיר, רבי יהודה, וואָס זיין תורה איז געבליבן אויף אַלעמאָל. **ממש די גאַנצע ששה סדרי משנה איז פון רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים!** זיין המשכת התורה בנגלה ובנסתר, איז לכאורה די שטאַרקסטע קיום אויף דער בריאה, וואָס גאַנץ כלל ישראל לעבט דערויף ביז'ן היינטיגן טאָג!

**אַזאַ סאָרט מורא'דיגע קיום מוז האָבן יונק געווען פון אַ געוואַלדיגע 'חיות' אַז ס'זאָל זיך האַלטן אַזוי שטאַרק און לאַנג**, ווי דער חובת הלבבות זאָגט אַז דער קיום פון יעדע הצלחה איז לויט וויפיל מען האָט געדענקט אַז מען איז אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן.

## די 'עומק התפלה' פון 'רחל אשת רבי עקיבא'

פון וואו איז אים טאַקע אנגעקומען אַזאַ שטאַרקע מקור החיות?! ווייל ווען רחל אשת רבי עקיבא האָט אים געשיקט לערנען תורה האָט זי דאָך נישט געוואוסט וואָס דאָ וועט זיין, איר האַרץ האָט געקלאַפּט **אָן קיין שום פאַרזיכערונג אַז ער וועט עפּעס אויסוואַקסן!** זי האָט דאָך אַוועקגעגעבן אַלעס פאר זיין תורה און דעריבער האָט זי מתפלל געווען מיט איר גאַנצע האַרץ און מיט אַ געוואַלדיגע טיפע געבעט אַז רבי עקיבא זאל פאַרשטיין די הייליגע תורה.

אויך נאָכדעם וואָס ס'איז אַריבער עטליכע יאָר האָט זי ווייטער געדאַוונט מיט די זעלבע צעבראָכנקייט און מיט דעם זעלבן געפיל אַז **בלויז השי"ת קען העלפן!** ווייל זי האָט דאָך נישט געוואוסט וואָס איז געוואָרן מיט אים. זי האָט קיינמאָל נישט באַקומען גרוסן אויב ער איז טאַקע מצליח און זי האָט דערפאַר אַלעמאָל געדאַוונט **מיט אַ שלימות'דיגע געפיל פון אָנגעוויזנקייט אין דעם אויבערשטן!**

אויב רבי עקיבא וואָלט אַהיימגעקומען נאָך צוועלף יאָר און דערציילט אַז ב"ה ער איז מצליח מיט'ן לערנען, וואָלטן אירע תפלות שוין נישט געווען דאָס זעלבע במשך די קומענדיגע צוועלף יאָר! אודאי וואָלט זי ווייטער געדאַוונט, **אָבער זי וואָלט שוין געהאַט די געוויסע רואיגקייט אַז ב"ה ער לערנט פלייסיג, עס וואָלט געפעלט די 'עומק הלב' פון די תפלות!**

המשך בעמוד הקודם ›››

ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0333.070.6585
בלגיה 0480.20.16.18
לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com

פטרון הפצה
נתנדב על ידי
החפץ בעילום שם
לברכה והצלחה בכל הענינים
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לנדבן ולב"ב
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא אמן.

פטרון החודש
לע"נ איש יקר הרוח ועדין הנפש, מרביץ תורה לעדרים הרב החסיד
רבי יוסף צבי ב"ר מרדכי שמואל רדזמינסקי זצ"ל
נלב"ע בדמי ימיו כ"ב סיון תשפ"ב
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62; ביהמ"ד קראסנא לאקער #166; ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה; ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה; The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213; ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market; ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל; ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13; ביהמ"ד דעלעטין; ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont; ביהמ"ד דאמבראווא; ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר; ביהמ"ד ווילעדניק; ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי; ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא משה; ביהמ"ד בית אלעזר; ביהמ"ד בית מנחם זאב; ביהמ"ד ישמח; ביהמ"ד אבני צדק; ביהמ"ד רב טוב; ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן: ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42; ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25; ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33; ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד; ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד